בס"ד

בס"ד

גליון 39

# דעם רבינ'ס מעשיות

## ספורי מעשיות משנים קדמוניות
## מרבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## המעשה עם הבחינות
### בלשה"ק ובאידיש

## שִׂיחוֹת שֶׁאַחַר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (2)

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

# שִׂיחוֹת שֶׁאַחַר סִפּוּרֵי הַמַּעֲשִׂיּוֹת

## ה – מַעֲשֶׂה בְּצַדִּיק שֶׁנָּפַל עָלָיו עַצְבוּת

**[אוֹת א]** **יָדוּעַ: שֶׁ'עַצְבוּת', הִיא מִדָּה מְגֻנָּה מְאֹד! וְצָרִיךְ לְהִתְרַחֵק מִמֶּנָּה מְאֹד! – וְרָאוּי לִחְיוֹת וּלְהָרִים עַצְמוֹ! – כִּי יֵדַע: שֶׁכָּל 'תְּנוּעָה' וְ'הַעְתָּקָה' שֶׁאָדָם מֵנִיעַ וּמַעְתִּיק עַצְמוֹ כְּשֶׁנִּכְנָס לַעֲבוֹדַת־הַשֵּׁם, הִיא יְקָרָה מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם, אֲפִלּוּ הוּא מֵנִיעַ עַצְמוֹ רַק כְּחוּט־הַשַּׂעֲרָה! – כִּי מֵחֲמַת שֶׁהָאָדָם הוּא בְּ'גוּף', בְּ'עוֹלָם־הָעֲשִׂיָּה', קָשֶׁה מְאֹד עָלָיו כָּל 'תְּנוּעָה' וְ'הַעְתָּקָה'! – עַל־כֵּן הִיא יְקָרָה מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם!**

**[אוֹת ב]** **וּמַעֲשֶׂה הָיָה בְּצַדִּיק אֶחָד: שֶׁנָּפַל עָלָיו 'עַצְבוּת' וּ'כְבֵדוּת' גָּדוֹל! – וְהָ'עַצְבוּת' וְהַ'כְּבֵדוּת' כְּשֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת עַל הַ'צַּדִּיק', הִיא קָשָׁה מְאֹד עָלָיו, כִּי עָלָיו מִתְחַזֶּקֶת יוֹתֵר וְיוֹתֵר! – עַד שֶׁנָּפַל עָלָיו 'עַצְלוּת' וּ'כְבֵדוּת' כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁלֹּא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ כְּלָל לָזוּז מִמְּקוֹמוֹ מַמָּשׁ, מֵחֲמַת גֹּדֶל הַ'כְּבֵדוּת' וְהָ'עַצְבוּת' שֶׁהִתְגַּבֵּר עָלָיו מְאֹד!**

**וְרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ, וּלְהָרִים עַצְמוֹ! – וְלֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ בְּשׁוּם דָּבָר לְשַׂמֵּחַ וּלְהָרִים עַצְמוֹ! – כִּי בְּכָל דָּבָר שֶׁרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ, מָצָא לוֹ הַבַּעַל־דָּבָר בְּתוֹכוֹ 'עַצְבוּת'! – עַד שֶׁלֹּא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ בְּשׁוּם דָּבָר לְשַׂמֵּחַ אֶת־עַצְמוֹ! – כִּי בְּכָל שִׂמְחָה שֶׁרָצָה לְשַׂמֵּחַ וּלְהָרִים עַצְמוֹ, מָצָא לוֹ עַצְבוּת בְּתוֹכָהּ!**

**וְהִתְחִיל לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ, בְּשִׂמְחַת "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"! – וְזֶה בְּוַדַּאי 'שִׂמְחָה גְּדוֹלָה' שֶׁאֵין לָהּ שִׁעוּר! – כִּי אֵין לְשַׁעֵר הַהֶפְרֵשׁ וְהַהֶבְדֵּל, אֶלֶף אַלְפֵי אֲלָפִים הַבְדָּלוֹת – שֶׁיֵּשׁ בֵּין קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל, הַפָּחוּת־שֶׁבַּפְּחוּתִים, לְבֵין זֻהֲמַת טֻמְאַת הָעוֹבְדֵי־כוֹכָבִים!**

**וּכְשֶׁיִּזְכֹּר הֵיטֵב חֶסֶד הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ עָלָיו: "שֶׁלֹּא עָשָׂהוּ גּוֹי"! – בְּוַדַּאי רָאוּי שֶׁתִּגְדַּל שִׂמְחָתוֹ מְאֹד! – וְהִיא 'שִׂמְחָה שֶׁאֵין עָלֶיהָ עַצְבוּת'!**

**כִּי בִּשְׁלָמָא כְּשֶׁמְּשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בְּדָבָר שֶׁעֲשָׂהוּ הוּא עַצְמוֹ, עַל־זֶה אֶפְשָׁר לִמְצֹא 'עַצְבוּת' עַל כָּל שִׂמְחָה – כִּי יִמְצָא לוֹ חֶסְרוֹנוֹת בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא לְהַנִּיחוֹ לְהָרִים וּלְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ! – אֲבָל בָּזֶה: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", שֶׁהוּא רַק מֵהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, שֶׁהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ עָשָׂה כָּךְ, וְחָמַל עָלָיו וְלֹא עָשָׂהוּ גּוֹי – אֵיךְ אֶפְשָׁר לִמְצֹא חִסָּרוֹן בְּזוֹ הַשִּׂמְחָה, מֵאַחַר שֶׁהוּא רַק 'מַעֲשֵׂה הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'! כִּי בְּוַדַּאי אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה** [עוֹבֵר עָלָיו]**, עַל־כָּל־פָּנִים הוּא הֶפְרֵשׁ גָּדוֹל בֵּינוֹ לְבֵין עוֹבְדֵי־כוֹכָבִים, אֲשֶׁר אֵין שִׁעוּר וָעֵרֶךְ!**

**[אוֹת ג]** **וְהַ'צַּדִּיק הַנַּ"ל, הִתְחִיל לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בָּזֶה** [בְּשִׂמְחַת "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"]**! – וְהִתְחִיל לִשְׂמֹחַ וּלְהָרִים עַצְמוֹ 'מְעַט מְעַט'! – וּבְכָל־פַּעַם הֵרִים וְשִׂמַּח עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר! – עַד שֶׁבָּא לְ'שִׂמְחָה גְּדוֹלָה' כָּל־כָּךְ! עַד שֶׁהִגִּיעַ לְ"הַשִּׂמְחָה שֶׁהָיָה לְ'מֹשֶׁה רַבֵּנוּ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם, בָּעֵת שֶׁעָלָה לְקַבֵּל הַלּוּחוֹת"** [אָבוֹת־דְּרַבִּי־נָתָן פ"ב ה"ג]**!**

**וּבְתוֹךְ שֶׁהֵרִים וְשִׂמַּח עַצְמוֹ** [הַצַּדִּיק הַנַּ"ל]**, פָּרַח בְּ'עוֹלָמוֹת', 'כַּמָּה וְכַמָּה אֲלָפִים פַּרְסָאוֹת'!** [דְּהַיְנוּ: שֶׁפָּרַח בְּ'תוֹךְ הָעוֹלָמוֹת', וְהִתְחִיל לִפְרֹחַ לְמַעְלָה בָּ'עוֹלָם־הָעֶלְיוֹן' מֵהַמָּקוֹם שֶׁנַּעֲשָׂה שָׁם שָׂמֵחַ – עַיֵּן לְהַלָּן בְּהַסִּפּוּר]**!**

**וּבְתוֹךְ כָּךְ הִבִּיט בְּעַצְמוֹ, וְהִנֵּה הוּא רָחוֹק מְאֹד מִמָּקוֹם שֶׁהָיָה בַּתְּחִלָּה! – וְהָיָה לוֹ 'צַעַר גָּדוֹל' – כִּי הָיָה סָבוּר: שֶׁיִּפֹּל לְאֵיזֶה מָקוֹם אַחֵר!** [כֵּיוָן שֶׁעָלָה לְמָקוֹם גָּבוֹהַּ יוֹתֵר, עַל־כֵּן אִם יִפֹּל מֵעֲבוֹדָתוֹ – יִפֹּל לְמָקוֹם אַחֵר, כְּפִי שֶׁעָלָה וְזָז לְמַעְלָה – עַיֵּן צִיּוּר לְהַלָּן] **– וְיִהְיֶה תְּמִיָּה גְּדוֹלָה עָלָיו** [כְּשֶׁיִּרְאוּ אוֹתוֹ בְּמָקוֹם אַחֵר – וְיַגִּידוּ]**: "שֶׁנֶּעְלַם פִּתְאֹם"!** [מִמְּקוֹמוֹ שֶׁהָיָה מִתְּחִלָּה] **– וְהַצַּדִּיק חָפֵץ תָּמִיד לִהְיוֹת "הַצְנֵעַ־לֶכֶת"** [מִיכָה ו, ח]**!** [עַל־כֵּן אֵינוֹ רוֹצֶה שֶׁיִּרְאוּ עָלָיו: אֵיךְ שֶׁהוּא הוֹלֵךְ וּמִתְעַלֶּה בַּעֲבוֹדָתוֹ]!

**[אוֹת ד]** **וְהַ'שִּׂמְחָה' הִתְחִילָה לִפְסֹק! כִּי הַ'שִּׂמְחָה' יֵשׁ לָהּ גְּבוּל, שֶׁמַּתְחֶלֶת עַצְמָהּ, וּמְסַיֶּמֶת עַצְמָהּ! – וּכְשֶׁהִתְחִילָה הַ'שִּׂמְחָה' לִפְסֹק, פָּסְקָה 'מְעַט מְעַט', וְנִשְׁפַּל 'מְעַט מְעַט'! – וּכְשֶׁחָזַר וְיָרַד וְנִשְׁפַּל מִמָּקוֹם שֶׁפָּרַח לְשָׁם בִּשְׁעַת הַ'שִּׂמְחָה'** [הַגְּדוֹלָה הַנַּ"ל]**, לֹא חָזַר תְּחִלָּה לִמְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן שֶׁפָּרַח מִשָּׁם, כְּדֶרֶךְ פְּרִיחָתוֹ! – רַק שֶׁיָּרַד מִיָּד לְמַטָּה, מִמָּקוֹם** [בַּמָּקוֹם] **שֶׁפָּרַח לְשָׁם! – וְעַל־כֵּן הָיָה פְּלִיאָה גְּדוֹלָה: עַל שֶׁמָּצָא אֶת־עַצְמוֹ אַחַר שֶׁיָּרַד: לְמַטָּה בִּמְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן?! – וְהָבֵן הֵיטֵב!** [רְאֵה צִיּוּר לְהַלָּן].

**עַד שֶׁחָזַר לַמָּקוֹם שֶׁהָיָה בַּתְּחִלָּה** [בִּשְׁעַת שֶׁהָיָה בְּעַצְבוּת]**! – וְהִבִּיט בְּעַצְמוֹ, וְרָאָה: שֶׁהוּא מַמָּשׁ בַּמָּקוֹם שֶׁהָיָה בַּתְּחִלָּה! וְלֹא נֶעְתַּק מִמְּקוֹמוֹ כְּלָל! רַק אֶפְשָׁר כְּחוּט־הַשַּׂעֲרָה שֶׁאִי־אֶפְשָׁר לְאָדָם לְשַׁעֵר, רַק הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ! – וְהָיָה תְּמִיָּה גְּדוֹלָה בְּעֵינֵי הַצַּדִּיק: "שֶׁפָּרַח כָּל־כָּךְ בָּעוֹלָמוֹת, וְ'כָאן לְמַטָּה' לֹא נֶעְתַּק כְּלָל"!**

**וְהֶרְאוּ לוֹ: שֶׁכָּל־כָּךְ יָקָר בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תְּנוּעָה וְהַעְתָּקָה קְטַנָּה שֶׁאָדָם מַעְתִּיק עַצְמוֹ בְּזֶה הָעוֹלָם, אֲפִלּוּ פָּחוּת מֵחוּט־הַשַּׂעֲרָה! – עַד שֶׁאֵין כְּדַאי נֶגֶד זֶה כַּמָּה וְכַמָּה אֲלָפִים עוֹלָמוֹת וּפַרְסָאוֹת!** [שֶׁלְּמַטָּה כְּשֶׁעוֹלִין לְאֵיזֶה קְדֻשָּׁה כְּחוּט־הַשַּׂעֲרָה, הִיא יְקָרָה יוֹתֵר מֵאֲלָפִים וְרִבְבוֹת עוֹלָמוֹת לְמַעְלָה (לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת, חוֹל־הַמּוֹעֵד ד, יג)]. [שֶׁאֵינוֹ כְּדַאי אֲלָפִים וְרִבְבוֹת עוֹלָמוֹת, כְּנֶגֶד חוּט־הַשַּׂעֲרָה אַחַת שֶׁהָאָדָם נֶעְתָּק בְּזֶה הָעוֹלָם לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ (לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת, רֵאשִׁית־הַגֵּז ד, א)].

**[אוֹת ה]** **וּלְהָבִין זֶה: כִּי יָדוּעַ: שֶׁהָעוֹלָם הַגַּשְׁמִי הַזֶּה הוּא רַק נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז בְּתוֹךְ הַגַּלְגַּלִּים, כַּמְבֹאָר לְ'בַעֲלֵי־תְּכוּנָה'!** [’חָכְמַת אַסְטְרוֹנוֹמְיָה‘, מַהֲלַךְ הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ וְכוֹכָבִים – עַיֵּן: 'רַמְבַּ"ם' הִלְכוֹת קִדּוּשׁ־הַחֹדֶשׁ; 'סֵפֶר־הַבְּרִית'; 'סֵפֶר־הַתְּכוּנָה' לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל] **– וּמִכָּל־שֶׁכֵּן נֶגֶד 'עוֹלָמוֹת־עֶלְיוֹנִים', בְּוַדַּאי אֵינָהּ נֶחֱשֶׁבֶת כָּל הָאָרֶץ יוֹתֵר מִ'נְּקֻדָּה'!**

**וְיָדוּעַ: שֶׁכָּל הַ'קַּוִּים' שֶׁתִּמְשֹׁךְ מִ'נְּקֻדַּת־הַמֶּרְכָּז', הִנֵּה הֵם אֵצֶל הַ'נְּקֻדָּה' סְמוּכִים כָּל הַ'קַּוִּים' זֶה לָזֶה! וְכָל מַה שֶּׁמִּתְרַחֲקִים מֵהַ'נְּקֻדָּה', הֵם מִתְרַחֲקִים זֶה מִזֶּה יוֹתֵר! – וְכֵן כְּשֶׁיִּתְרַחֲקוּ הַ'קַּוִּים' הַרְבֵּה מְאֹד מֵהַ'נְּקֻדָּה', יִתְרַחֲקוּ גַּם־כֵּן הַ'קַּוִּים' זֶה מִזֶּה מְאֹד! אַף שֶׁלְּמַטָּה אֵצֶל הַ'נְּקֻדָּה' הֵם סְמוּכִים זֶה לָזֶה! – כָּזֶה ☜**



[רְאֵה הַצִּיּוּר]:

**נִמְצָא: אִם יְשַׁעֵר בְּדַעְתּוֹ: 'קַוִּים' נִמְשָׁכִים מֵהָ'אָרֶץ־הַתַּחְתּוֹנָה', אֲפִלּוּ רַק עַד הַ'גַּלְגַּלִּים' – נִמְצָא: אֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ הוֹלֵךְ מִמְּקוֹמוֹ, רַק כִּ'מְלֹא־הַחוּט' – אַף־עַל־פִּי־כֵן: בִּ'מְקוֹם־הַגַּלְגַּלִּים', נִתְרַחֵק מִמָּקוֹם שֶׁהָיָה נֶגֶד רֹאשׁוֹ תְּחִלָּה, נִתְרַחֵק עַתָּה כַּמָּה וְכַמָּה אֲלָפִים פַּרְסָאוֹת, לְפִי עֵרֶךְ גֹּדֶל הַ'גַּלְגַּל־הָעֶלְיוֹן' נֶגֶד הָ'אָרֶץ־הַתַּחְתּוֹנָה', כַּיָּדוּעַ! – כִּי שָׁם קְבוּעִים 'כּוֹכָבִים' אֵין מִסְפָּר, וְכָל 'כּוֹכָב' הוּא בְּעֵרֶךְ גֹּדֶל 'זֶה הָעוֹלָם', וְיוֹתֵר!**

[עַיֵּן עוֹד בְּ'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', עֵרוּבֵי־תְּחוּמִין ה, כ].

**[אוֹת ו]** **מִכָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן כְּשֶׁיְּשַׁעֵר בְּדַעְתּוֹ: הַ'קַּוִּים' נִמְשָׁכִים עַד 'עוֹלָמוֹת־עֶלְיוֹנִים', אֲשֶׁר כָּל הַ'גַּלְגַּלִּים' נֶגְדָּם אֵינָם נֶחֱשָׁבִים כְּלוּם! – נִמְצָא: שֶׁאֵין שִׁעוּר לְהָ'רִחוּק' שֶׁנִּתְרַחֵק שָׁם בְּ'עוֹלָמוֹת־עֶלְיוֹנִים', עַל־יְדֵי הָרִחוּק כָּל־שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ 'פָּחוּת מֵחוּט־הַשַּׂעֲרָה' שֶׁנִּתְרַחֵק וְהָלַךְ** [שֶׁנִּתְעַלָּה מַעְלָה מַעְלָה] **מִמָּקוֹם שֶׁהָיָה בַּתְּחִלָּה!**

**כִּי אַף שֶׁבְּכָאן בְּהָ'אָרֶץ־הַתַּחְתּוֹנָה', לֹא נִתְרַחֵק וְהָלַךְ** [לֹא נִתְעַלָּה] **רַק 'פָּחוּת מֵחוּט־הַשַּׂעֲרָה'! – שֶׁבְּעֵינָיו לֹא נִתְרַחֵק** [לֹא נִתְעַלָּה] **כְּלוּם! כִּי זֶה אִי־אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר, רַק הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ! – עִם־כָּל־זֶה: שָׁם בְּ'עוֹלָמוֹת־עֶלְיוֹנִים', נִתְרַחֵק** [נִתְעַלָּה] **'כַּמָּה וְכַמָּה אֲלָפִים עוֹלָמוֹת וּפַרְסָאוֹת'! – מִכָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ פַּרְסָה אוֹ כַּמָּה פַּרְסָאוֹת בַּעֲבוֹדַת־הַשֵּׁם! "עַיִן לֹא רָאָתָה" וְכוּ'** [אֱלֹקִים זוּלָתְךָ, יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ] [יְשַׁעְיָה סד, ג]**!**

(בְּ'חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן סִימָן סה, כּוֹתֵב מוֹהַרְנַ"ת זַ"ל: הַמַּעֲשֶׂה מֵעִנְיַן הַצַּדִּיק שֶׁנָּפַל פַּעַם־אֶחָד לְעַצְבוּת גָּדוֹל וְכוּ', שֶׁנִּדְפַּס כְּבָר בְּסִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת, שֶׁנִּכְתְּבָה כְּפִי מַה שֶּׁשָּׁמַעְתִּי בְּעַצְמִי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זַ"ל בְּעַצְמוֹ. שָׁמַעְתִּי מֵאִישׁ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁאָמַר: **"שֶׁהוּא שָׁמַע מַעֲשֶׂה זֹאת מִפִּי רַבֵּנוּ זַ"ל בְּסִגְנוֹן אַחֵר קְצָת"** – וְגַם בְּסִפּוּר־הַמַּעֲשֶׂה הָיָה קְצָת שִׁנּוּי וְכוּ': **שֶׁהָיָה צַדִּיק אֶחָד, גָּדוֹל בְּמַעֲלָה, שֶׁהָיָה מִ'מָּארֵי־דְּחֻשְׁבְּנָא', שֶׁהָיָה מְחַשֵּׁב עַצְמוֹ בְּכָל יוֹם: "אִם עָשָׂה עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם בִּשְׁלֵמוּת בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם כְּפִי דַּרְכּוֹ תָּמִיד"! וְחִשֵּׁב הַדְּבָרִים שֶׁהוּא צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם! וּמָצָא: שֶׁלֹּא יָצָא יְדֵי־חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם! – כְּגוֹן: שֶׁהָיָה צָרִיךְ לֵילֵךְ אָנֶה וָאָנָה בְּתוֹךְ הַבַּיִת כָּךְ וְכָךְ פְּעָמִים כְּפִי מַה שֶּׁהָיָה צָרִיךְ כְּפִי הַשָּׂגָתוֹ הַגָּבוֹהַּ! – וּבְאוֹתוֹ הַיּוֹם לֹא הָלַךְ כָּל־כָּךְ בַּבַּיִת כָּרָאוּי לוֹ! – וְעַל־יְדֵי־זֶה נָפַל בְּדַעְתּוֹ מְאֹד! – עַד שֶׁלֹּא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהַחֲיוֹת אֶת־עַצְמוֹ! – עַד שֶׁהֶחֱיָה עַצְמוֹ בְּמַה שֶּׁזָּכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"!**

וּמִזֶּה הָעִנְיָן תָּבִין: מַעֲלַת הַפְלָגַת אוֹתוֹ הַצַּדִּיק, כַּמָּה הָיָה גָּדוֹל בְּמַעֲלָתוֹ – שֶׁהָיָה לוֹ עֲבוֹדָה גְּבוֹהָה בְּמָה שֶׁהָלַךְ אָנֶה וָאָנָה בְּתוֹךְ הַבַּיִת! – עַד שֶׁעַל־יְדֵי שֶׁמִּעֵט לְפִי דַּעְתּוֹ בַּעֲבוֹדָה זֹאת, הִצְטַעֵר כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁכִּמְעַט לֹא הָיָה יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אֶת־עַצְמוֹ, לוּלֵא שֶׁהִזְכִּיר אֶת־עַצְמוֹ "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"! – רְאֵה וְהָבֵן וְהַבֵּט עֲבוֹדַת הַצַּדִּיקִים וְצַעֲרָם עַל מִעוּטָם בַּעֲבוֹדָתָם, עַד הֵיכָן עַד הֵיכָן מַגִּיעַ! – אַשְׁרֵי לָהֶם).

(בְּ'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', פֶּסַח ט, טו: עִקַּר הַ'נְּפִילָה' מֵחֲמַת 'גַּדְלוּת' – שֶׁאֵין נָאֶה וְרָאוּי לוֹ לַעֲבֹד עֲבוֹדָה וִיגִיעָה הַזֹּאת, וַעֲדַיִן לֹא פָּעַל כְּלוּם! – אֲבָל הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת אוֹמֵר בְּלִבּוֹ: בִּשְׁבִיל 'נְקֻדָּה אַחַת שֶׁל הִתְנוֹצְצוּת־אֱלֹקוּת אֶחָד', כְּדַאי כָּל הַיְגִיעָה בְּכִפְלֵי־כִּפְלַיִם! – **וּכְמוֹ הַצַּדִּיק שֶׁשִּׂמַּח אֶת־עַצְמוֹ עַל־יְדֵי "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"!**).

## ו – שְׁנֵי מִינֵי פָּלָטִין

[אות א] דַּע: שֶׁיֵּשׁ 'שְׁנֵי מִינֵי פָּלָטִין'! – וּ'שְׁנֵי הַפָּלָטִין' דּוֹמִין זֶה לָזֶה, בְּאֶחָד דָּר בּוֹ 'מֶלֶךְ', וּבְהַשֵּׁנִי דָּר 'עֶבֶד'! וּבְוַדַּאי בֶּאֱמֶת: הוּא חִלּוּק גָּדוֹל בֵּין הַ'פָּלָטִין שֶׁל מֶלֶךְ', לְ'פָלָטִין שֶׁל עֶבֶד'! רַק אַף־עַל־פִּי־כֵן אֶפְשָׁר לִטְעוֹת בֵּינֵיהֶם!

כִּי יֵשׁ 'קֶשֶׁר' שֶׁמִּתְקַשְּׁרִין הַרְבֵּה נְפָשׁוֹת, עַד שֶׁנַּעֲשֶׂה מֵהֶם 'בַּיִת' וּ'פָלָטִין'! – כִּי מִתְקַשְּׁרִין אֶחָד בְּאֶחָד, וְאֶחָד בְּאֶחָד – עַד שֶׁנַּעֲשֶׂה מֵהֶם 'יְסוֹד'! – וְאַחַר־כָּךְ נַעֲשֶׂה 'אֹהֶל'! – עַד שֶׁנִּבְנֶה מֵהֶם 'בַּיִת' וּ'מָדוֹר'! – וְזֶה הַ'מָּדוֹר', הוּא 'מָדוֹר לָאֱמֶת'! – וּכְשֶׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ 'אֱמֶת', מוֹצְאִין שָׁם בְּאוֹתוֹ הַ'מָּדוֹר'! – הַיְנוּ: בְּתוֹךְ הַ'קֶּשֶׁר שֶׁל הַנְּפָשׁוֹת הַנַּ"ל', שֶׁמֵּהֶם נַעֲשֶׂה 'מָדוֹר לְהָאֱמֶת', כַּנַּ"ל!

וְעַל־כֵּן צִוְּתָה הַתּוֹרָה (שְׁמוֹת כג, ב): "אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת", כִּי מֵאַחַר שֶׁרַבִּים נִתְקַשְּׁרוּ כְּאֶחָד, בְּוַדַּאי שָׁם הָ'אֱמֶת', כַּנַּ"ל! – וְזֶה בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית מו, כז): "כָּל הַנֶּפֶשׁ הַבָּאָה לְבֵית יַעֲקֹב", הַיְנוּ: שֶׁמֵּהַ'נְּפָשׁוֹת' נַעֲשֶׂה "בֵּית יַעֲקֹב"! – הַיְנוּ: 'בֵּית מָדוֹר', לָ'אֱמֶת', שֶׁהוּא בְּחִינַת 'יַעֲקֹב', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִיכָה כ): "תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב".

[אות ב] אֲבָל דַּע: שֶׁיֵּשׁ כְּנֶגֶד זֶה 'קֶשֶׁר שֶׁל רְשָׁעִים', שֶׁמִּתְקַשְּׁרִין יַחַד הַרְבֵּה 'נְפָשׁוֹת שֶׁל רְשָׁעִים', וְנַעֲשֶׂה מֵהֶם 'בַּיִת' וּ'מָדוֹר' לַ'שֶּׁקֶר'. וְעַל זֶה הִזְהִיר הַנָּבִיא (יְשַׁעְיָה ח, יב): "לֹא תֹאמְרוּן קֶשֶׁר לְכֹל אֲשֶׁר יֹאמַר הָעָם הַזֶּה קָשֶׁר", כִּי "קֶשֶׁר רְשָׁעִים אֵינוֹ מִן הַמִּנְיָן" (סַנְהֶדְרִין כו.). וְעַל זֶה כְּתִיב (שְׁמוֹת כג, ב): "לֹא תִהְיֶה אַחֲרֵי רַבִּים לְרָעֹת".

[אות ג] וְהִנֵּה: בֵּין 'שְׁנֵי הַבָּתִּים' הַנַּ"ל אֶפְשָׁר לִטְעוֹת. הַיְנוּ: בֵּין הָ'אֱמֶת' וְהַ'שֶּׁקֶר'! כִּי הַ'שֶּׁקֶר' מְדַמֶּה עַצְמוֹ לְהָ'אֱמֶת', כִּי גַּם שָׁם יֵשׁ 'קֶשֶׁר' מִ'נְּפָשׁוֹת רַבִּים', וְאֶפְשָׁר לָאָדָם לִטְעוֹת, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ 'הֵיכָן הָאֱמֶת', וּלְהֵיכָן יִקָּרֵב עַצְמוֹ! – וְדַע: שֶׁעַל־יְדֵי 'מִצְוַת פִּדְיוֹן־שְׁבוּיִים', זוֹכֶה לְהָבִין בֵּין 'שְׁנֵי הַבָּתִּים' הַנַּ"ל, בֵּין 'אֱמֶת' לְ'שֶׁקֶר', בֵּין 'מֶלֶךְ' לְ'עֶבֶד'. כִּי הַ'שֶּׁקֶר' הוּא בְּחִינַת 'עֶבֶד', בְּחִינַת 'אָרוּר', בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית ט, כה): "אָרוּר כְּנָעַן עֶבֶד עֲבָדִים" וְכוּ'.

## ז – שְׁנֵי שִׂכְלִיּוֹת

וְדַע: שֶׁיֵּשׁ 'שְׁנֵי שִׂכְלִיּוֹת'! – וְהֵם בְּחִינַת 'אָחוֹר' וְ'קֶדֶם'! (עַיֵּן לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"א כא). הַיְנוּ: שֶׁיֵּשׁ 'שֵׂכֶל' שֶׁמַּגִּיעַ לָאָדָם לְפִי הַ'זְּמַן', וְכָל מַה שֶּׁנִּזְקַן וּבָא בַּיָּמִים יוֹתֵר, הוּא יוֹדֵעַ יוֹתֵר, בִּבְחִינַת (אִיּוֹב לב, ז): "יָמִים יְדַבֵּרוּ". וְזֶה הַ'שֵּׂכֶל' הוּא בְּחִינַת 'אָחוֹר', שֶׁבָּא בְּ'אֲחוֹר־הַזְּמַן', כִּי לָזֶה הַ'שֵּׂכֶל' צָרִיךְ 'זְמַן'.

אֲבָל יֵשׁ 'שֵׂכֶל' שֶׁבָּא לָאָדָם בְּשֶׁפַע גָּדוֹל, בִּמְהִירוּת גָּדוֹל, בְּפָחוֹת מֵרֶגַע – כִּי הוּא 'לְמַעְלָה־מֵהַזְּמַן', וְאֵין צָרִיךְ שׁוּם 'זְמַן' לְזֶה הַ'שֵּׂכֶל'. וְזֶה הַ'שֵּׂכֶל' הוּא בְּחִינַת 'פָּנִים' – וְהוּא בְּחִינַת 'יַעֲקֹב', בְּחִינַת 'אֱמֶת', בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים כד, ו): "מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה".

## ח – סְגֻלָּה לְ'פָּאקְן' (רְפוּאָה לְ'מַחֲלַת אֲבַעְבּוּעוֹת שְׁחוֹרוֹת')

אַחַר שַׁבַּת פָּרָשַׁת וַיְחִי אָמַר [רַבֵּנוּ ז"ל]: בְּ'שָׁלֹשׁ־סְעֻדּוֹת' זֶה נוֹדַע לִי סְגֻלָּה לְ'פָּאקְן' [רְפוּאָה לְ'מַחֲלַת 'אֲבַעְבּוּעוֹת שְׁחוֹרוֹת' – שֶׁהָיָה מְסֻכֶּנֶת מְאֹד, וְאֵינוֹ מָצוּי כְּהַיּוֹם בָּרוּךְ־הַשֵּׁם! – וְזֶה אֵינוֹ מַחֲלַת 'אֲבַעְבּוּעוֹת רוּחַ' שֶׁיֵּשׁ בִּזְמַנֵּינוּ].

לִקַּח 'קְרַייד' [נֶתֶר – סַבּוֹן אֲדָמָה רַכָּה]! – וְשָׁלֹשׁ פְּעָמִים כְּמוֹ מִשְׁקַל הַ'קְּרַייד', יִקַּח 'זֵייף' [בּוֹרִית – סַבּוֹן צְמָחִים וּפְרָחִים]! ["נֶתֶר וּבוֹרִית" – שַׁבָּת פ"ט מ"ה] – וְיַעֲשֶׂה מִשְּׁנֵיהֶם, 'מֶרְחָץ' לִרְחֹץ הַתִּינוֹק (שֶׁקּוֹרִין 'בָּאד')! – וְצָרִיךְ לַעֲשׂוֹת תֵּכֶף וּמִיָּד כְּשֶׁמַּתְחִיל הַתִּינוֹק לְהִתְחַמֵּם וְלִבְעֹר עַל־זֶה! – וְיוֹעִיל בְּעֶזְרַת־הַשֵּׁם אִם אֵין הַגְּזֵרָה חֲזָקָה! אֲבָל אִם הַגְּזֵרָה חֲזָקָה חַס־וְשָׁלוֹם, לֹא יוֹעִיל!

וְאָמַר: כִּי 'חֳלִי הַפָּאקִין', נַעֲשֶׂה מֵ'חֵטְא־הָעֵגֶל'! – וּבְעִנְיָן הַזֶּה קָשֶׁה: הֲלֹא גַּם אֵצֶל אֻמּוֹת־הָעוֹלָם יֵשׁ חֹלִי זֶה?! – אַךְ אִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית־רַבָּה פח, א): "שֶׁאֻמּוֹת־הָעוֹלָם הָיוּ רְאוּיִים שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָהֶם שׁוּם חֹלִי. (מֵאַחַר שֶׁנִּתַּן לְחֶלְקָם הָעוֹלָם־הַזֶּה)! אַךְ כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיוּ מוֹנִין וּמִתְגָּרִין בְּיִשְׂרָאֵל [עַל־שֵׁם (תְּהִלִּים לט, ט): "חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי"], נָתַן לָהֶם כָּל הֶחֳלָאִים שֶׁיֵּשׁ לְיִשְׂרָאֵל!

וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י עַל פָּסוּק [הַנַּ"ל]: "חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי" – "הָבֵא גַּם עָלָיו נְגָעִים וּמַכְאוֹבוֹת, כְּדֵי שֶׁלֹּא יוּכַל לוֹמַר לִי אַתֶּם לוֹקִים וְאָנוּ אֵין אָנוּ לוֹקִים"! – וְהַתְּפִלָּה הַזֹּאת גָּרְמָה, לְהָבִיא יִסּוּרֵי חֳלָאִים עַל הָאֻמּוֹת.

וְגַם לִכְאוֹרָה קָשֶׁה: הֲלֹא גַּם קֹדֶם 'חֵטְא־הָעֵגֶל', בְּוַדַּאי הָיָה חֹלִי זֶה?! – אַךְ קֹדֶם, לֹא הָיָה חֹלִי קָשֶׁה, רַק שֶׁהָיוּ הַ'פָּאקִין', מֵחֲמַת הַדָּמִים שֶׁהַתִּינוֹק יוֹנֵק בִּמְעֵי אִמּוֹ, כַּיָּדוּעַ לְחַכְמֵי הָרוֹפְאִים. אֲבָל לֹא הָיָה חֹלִי קָשֶׁה שֶׁיְּהֵא מְסֻכָּן לָמוּת חַס־וְשָׁלוֹם, כְּמוֹ עַכְשָׁו. וְזֶה נַעֲשָׂה מֵחֵטְא הַנַּ"ל!

גַּם נִרְמָז קְצָת בְּיִרְמְיָה (ב, כב) נִזְכָּרִים כֻּלָּם בְּפָסוּק אֶחָד: "גַּם כִּי תְּכַבְּסִי בַּנֶּתֶר, וְתַרְבִּי לָךְ בֹּרִית, נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי". פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י: "[עֲוֹנֵךְ:] עַל עֲוֹן הָעֵגֶל. נֶתֶר: פֵּרוּשׁ בְּלַעַ"ז: 'קְרַייד'. בּוֹרִית: זֵייף". (נִמְצָא" שֶׁמְּרֻמָּז כָּאן 'סוֹד הַסְּגֻלָּה' הַנַּ"ל הַבָּא מֵ'חֵטְא־הָעֵגֶל'. דְּהַיְנוּ: לְכַבֵּס בְּ'נֶתֶר' שֶׁהוּא 'קְרַייד', וּלְהַרְבּוֹת 'בּוֹרִית' שֶׁהוּא 'זֵייף').

וְהָבֵן נִפְלָאוֹת.

## ט – מִימֵי יַלְדוּתוֹ

מִימֵי יַלְדוּתוֹ: פַּעַם אַחַת בָּאוּ אֵלָיו עִם פִּדְיוֹן לְהִתְפַּלֵּל עַל יַלְדָּה, "שָׂרָה אֶסְתֵּר בַּת יְהוּדִית", וְאָמַר: "שֶׁתָּמוּת"! – וְכֵן הֲוָה. וְאָמַר: שֶׁיָּדַע זֹאת מֵהַתּוֹרָה־הַקְּדוֹשָׁה. שֶׁרָאָה אָז פָּסוּק (שְׁמוֹת ז, כא): "וְהַדָּגָה אֲשֶׁר בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ".

וּבְאֵלּוּ הַתֵּבוֹת "מֵתָה" "וַיִּבְאַשׁ" נִתְגַּלָּה לוֹ זֹאת. "מֵת"ה ו"י"ב"א"ש", רָאשֵׁי תֵבוֹת: שָׂ'רָה אֶ'סְתֵּר בַּ'ת יְ'הוּדִית. וַי, מֵתָה. הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

## י – הִזְהִיר לַאֲנָשָׁיו

הִזְהִיר לַאֲנָשָׁיו: "שֶׁכְּשֶׁיִּקְרֶה לָהֶם מִקְרֶה בִּלְתִּי טָהוֹר חַס־וְשָׁלוֹם, שֶׁיֵּלְכוּ תֵּכֶף וּמִיָּד לְמִקְוֶה לִטְבֹּל. כִּי עַל יְדֵי הַמִּקְרֶה חַס־וְשָׁלוֹם, נַעֲשָׂה מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה. עַל־כֵּן טוֹב מְאֹד: שֶׁקֹּדֶם שֶׁמַּתְחִיל לְהֵעָשׂוֹת מִזֶּה אֵיזֶה דָּבָר, חַס־וְשָׁלוֹם, שֶׁיַּקְדִּים עַצְמוֹ הָאָדָם וְיִטְבֹּל וִיטַהֵר עַצְמוֹ!

וְהִזְהִיר מְאֹד: "לְבַל יִתְפַּחֵד הָאָדָם מִזֶּה כְּלָל"! – כִּי הַפַּחַד וְהַדְּאָגוֹת וְהַמָּרָה־שְׁחוֹרוֹת בְּעִנְיָן זֶה, מַזִּיק מְאֹד מְאֹד. בִּפְרָט אַחַר שֶׁגִּלָּה אֵלּוּ הָ'עֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים' הַמְסֻגָּלִים לְתִקּוּן חֵטְא זֶה. וְהֵם: ט"ז. ל"ב. מ"א. מ"ב. נ"ט. ע"ז. צ'. ק"ה. קל"ז. ק"ן. כַּמְבֹאָר בַּסְּפָרִים הַנִּדְפָּסִים כְּבָר. אָז אָמַר: שֶׁמִּי שֶׁיִּזְכֶּה לְקַיֵּם זֹאת, לוֹמַר אֵלּוּ הָ'עֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים' הַנַּ"ל בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם שֶׁיִּקְרֶה לוֹ חַס־וְשָׁלוֹם, אֲזַי בְּוַדַּאי יְתֻקַּן חֶטְאוֹ. וְשׁוּב אַל יִדְאַג כְּלָל.

גַּם הָיָה מִתְלוֹצֵץ מֵאֵלּוּ הַחֲסִידִים וְהַיְּרֵאִים: שֶׁכְּשֶׁמַּגִּיעַ לָהֶם 'אֵיזֶה הִרְהוּר', אֲזַי הֵם מִתְפַּחֲדִים: שֶׁלֹּא יָבוֹאוּ לִידֵי מִקְרֶה! – וּמֵחֲמַת זֶה הֵם רְגִילִים בְּהֶתֵר, מֵחֲמַת פַּחַד שֶׁלֹּא יָבוֹאוּ לִידֵי מִקְרֶה. וְהוּא זִכְרוֹנוֹ־לִבְרָכָה הָיָה מִתְלוֹצֵץ מִזֶּה. וְעִקַּר כַּוָּנָתוֹ הָיָה: שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לְבִלְתִּי לְהִתְפַּחֵד וּלְהִתְיָרֵא כְּלָל מִדְּבָרִים כָּאֵלּוּ, וּלְבִלְתִּי לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת כְּלָל בְּעִנְיָן זֶה! – רַק יִהְיֶה כְּגִבּוֹר חַיִל לַעֲמֹד כְּנֶגֶד תַּאֲוָתוֹ, וְיַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה לְגַמְרֵי, וְאַל יִתְפַּחֵד כְּלָל. וְהַשֵּׁם הַטּוֹב בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה עִמּוֹ מַה שֶּׁהוּא יִתְבָּרַךְ חָפֵץ.

וְרָמַז בִּדְבָרָיו: שֶׁזֶּה בְּחִינַת פְּגַם שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו־הַשָּׁלוֹם, בְּבַת־שֶׁבַע וְכוּ'! וְלֹא בֵּאֵר הַדָּבָר הֵיטֵב. וּמְאֹד מְאֹד צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק בְּשִׂמְחָה תָּמִיד. וְאַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּלָל מִשּׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה. וְאִם יִהְיֶה חָזָק בְּדַעְתּוֹ וְלֹא יִתְפַּחֵד כְּלָל, וְלֹא יַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת כְּלָל (שֶׁקּוֹרִין: 'אִיבֶּערְטְרַאכְטְן), וְיֵלֵךְ בְּתֻמּוֹ בְּשִׂמְחָה, יִזְכֶּה לַסּוֹף לַעֲבֹר עַל הַכֹּל בְּשָׁלוֹם. וּדְבָרִים כָּאֵלּוּ אִי־אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב. וְעָרוּם יָבִין לַאֲשׁוּרוֹ.

## יא – בֶּן־מֶלֶךְ שֶׁנִּתְרַחֵק מֵאָבִיו

עוֹד מַה שֶּׁסִּפֵּר בְּ'שַׁבַּת־חֲנֻכָּה', וְנִשְׁכַּח: מִ"בֶּן־מֶלֶךְ שֶׁנִּתְרַחֵק מֵאָבִיו וְכוּ', וְהָיָה מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד מְאֹד וְכוּ' וְכוּ'! – וְהִגִּיעַ לוֹ כְּתָב מֵאָבִיו, וְהָיָה מִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בּוֹ מְאֹד מְאֹד. וְהָיָה מִתְגַּעְגֵּעַ עֲדַיִן מְאֹד. וְהָיָה מִתְגַּעְגֵּעַ עַל כָּל פָּנִים שֶׁיּוֹשִׁיט לוֹ יָד. וְאִם הָיָה מוֹשִׁיט לוֹ יָד, הָיָה מְחַבְּקָהּ וּמְנַשְּׁקָהּ. אַחַר־כָּךְ יָשַׁב עַצְמוֹ: "הֲלֹא זֶה הַכְּתָב הוּא כְּתַב יַד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ, וְאִם־כֵּן הוּא יַד הַמֶּלֶךְ וְכוּ' וְכוּ'". (כָּל זֶה לֹא נִכְתַּב כָּרָאוּי כִּי נִשְׁכַּח כִּי לֹא נִכְתַּב בִּזְמַנּוֹ).

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ___________________________

טלפון _________________________

עיר ___________________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מהשיחות שאחר סיפורי מעשיות - (2)

**א. מה נפל על הצדיק?**
- ❑ עצבות
- ❑ כבידות
- ❑ עצבות וכבידות גדול

**ב. מדוע לא היה אפשר לצדיק לשמח בשום דבר?**
- ❑ כי בכל דבר שרצה לשמח מצא הבעל דבר בתוכו עצבות
- ❑ כי בכל דבר שרצה לשמח מצא הבעל דבר בתוכו גאווה
- ❑ כי בכל דבר שרצה לשמח מצא הבעל דבר שקר

**ג. באיזה דבר שימח את עצמו הצדיק בסוף, שלא הצליח הבעל דבר להחלישו מזה?**
- ❑ במצוה גדולה שעשה
- ❑ בהרבה שעות של לימוד
- ❑ בשמחת "שלא עשני גוי"

**ד. לאיזה שמחה הגיע הצדיק בסוף?**
- ❑ לשמחה של חתונה
- ❑ לשמחה שהיה למשה רבינו בעת מתן תורה
- ❑ לשמחה שהיה למשה רבינו בעת שעלה לקבל הלוחות

**ה. כמה התרחק הצדיק בעולמות העליונים ממקומו שהיה שם בתחילה?**
- ❑ כחוט השערה
- ❑ לא נתרחק כלל
- ❑ כמה וכמה אלפים עולמות ופרסאות

**ו. האם הצדיק ירד באותו דרך שעלה או בדרך אחר?**
- ❑ באותו דרך שעלה
- ❑ בדרך אחר
- ❑ רבינו לא דיבר מזה

**ז. להיכן הגיע הצדיק כשחזר וירד?**
- ❑ למקומו הראשון שהיה בתחילה
- ❑ כחוט השערה ליד מקומו הראשון שא"א לאדם לשער
- ❑ רחוק מאוד ממקומו הראשון

**ח. מה אמר רבינו שהראו לו בזה?**
- ❑ שצדיק יכול להגיע לעולמות עליונים כ"כ
- ❑ שיקר מאוד כל תנועה קטנה שאדם מעתיק עצמו בזה העולם
- ❑ שיקר מאוד כשצדיק פורח בעולמות עליונים

**ט. מי דר בשני מיני פלטין?**
- ❑ בשניהם דר מלך
- ❑ בשניהם דר עבדים
- ❑ באחד דר מלך ובאחד דר עבד

**י. יש חילוק בין שני הפלטין?**
- ❑ שני הפלטין דומין זה לזה
- ❑ באמת יש חילוק גדול בין שני הפלטין
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יא. מה אומר רבינו, ע"י מה זוכה להבין ההבדל שיש בין שני הבתים?**
- ❑ ע"י מצות ציצית
- ❑ ע"י מצות תפילין
- ❑ ע"י מצות פדיון שבויים

**יב. מה אומר רבינו ושהסגולה לפאקין?**
- ❑ יקח קרייד (נתר) וג' פעמים כפול מזה יקח זייף (סבון) ויעשה מזה מרחץ לתינוק
- ❑ יקח זייף (סבון) וג' פעמים כפול מזה יקח קרייד (נתר) ויעשה מזה מרחץ לתינוק
- ❑ יקח זייף (סבון) וב' פעמים כפול מזה יקח קרייד (נתר) ויעשה מזה מרחץ לתינוק

**יג. מה אמר רבינו ממה מגיע החולי הפאקין עד כדי סכנת נפשות?**
- ❑ ממזג אויר לא טוב
- ❑ ממיעוט שינה
- ❑ מחטא העגל

**יד. מה הם עשרה קאפיטלאך תהילים שנקראים "תיקון הכללי"?**
- ❑ ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.
- ❑ י"ג, ל"ב, מ"א, נ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.
- ❑ ט"ז, כ"ג, ל"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.

**טו. למה הסיפור שרבינו סיפר בשבת חנוכה לא נכתב כראוי?**
- ❑ כי רבינו סיפר אותו רק ברמזים
- ❑ כי לא נכתב בזמנו
- ❑ כי נכתב בזמנו לא ברור

**טז. מה אפשר ללמוד מהחלק שכן נכתב?**
- ❑ עד היכן יכולים להחיות את עצמו עם ספר (כתב של המלך)
- ❑ ___________________________

**ברוך הנותן ליעף כח ולאין אונים עצמה ירבה - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ **"מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת"** – לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ – אָן צוּ פַּארְעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע"ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א, אוּן פוּנֶעם צְוֵוייטְן דְרוּק שְׁנַת תר"י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז"ל / דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' בִּלְשׁוֹן־הַקּוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

# שִׂיחוֹת שֶׁאַחַר סִפּוּרֵי הַמַּעֲשִׂיּוֹת

## ה – דֶער 'צַדִּיק' וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרוֹיפְגֶעפַאלְן 'עַצְבוּת'

**[אוֹת א]** עֶס אִיז בַּאוואוּסְט: אַז 'עַצְבוּת', 'טְרוֹיעֶרִיגְקַייט', אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסֶ'ע מִדָּה! אוּן מְ'דַארְף זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְן דֶערְפוּן! – אוּן מְ'דַארְף זִיךְ אוֹיפְלֶעבְן אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְן!

וַוייל עֶר דַארְף וִויסְן: אַז יֶעדְן 'רִיר' אוּן 'בֵּייג', וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רִירְט זִיךְ אוּן רוּקְט זִיךְ, וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם – אִיז זֵייעֶר טַייעֶר אִין אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן – אֲפִילוּ עֶר רוּקְט זִיךְ בְּלוֹיז אַ הָאר! – וַוייל וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ 'גוּף', אִין 'עוֹלָם־הָעֲשִׂיָּה' – אִיז דֶערְפַאר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף אִים, יֶעדְן רִיר אוּן בֵּייג! – דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זֵייעֶר טַייעֶר אִין אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן!

**[אוֹת ב]** אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק: וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן 'טְרוֹיעֶרִיגְקַייט' [עַצְבוּת] אוּן 'שְׁוֶוערִיגְקַייט'! – אוּן וֶוען סְ'אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אַ צַדִּיק 'עַצְבוּת', אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אִים – וַוייל אוֹיף אַ 'צַדִּיק', שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס זֵייעֶר פִיל!

בִּיז סְ'אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים, אַזוֹיפִיל 'פוֹילְקַייט' [עַצְלוּת] אוּן 'שְׁוֶוערִיגְקַייט' – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועקְרִירְן פוּן זַיין פְּלַאץ, צוּלִיב דִי גְרוֹיסֶע 'שְׁוֶוערִיגְקַייט' אוּן 'עַצְבוּת' וָואס הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער אִים!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן, אוּן זִיךְ דֶערְהֵייבְן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְפְרֵייעֶן אוּן דֶערְהֵייבְן! – וַוייל מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן, הָאט אִים דֶער 'בַּעַל־דָּבָר' גֶעטְרָאפְן דֶערִינֶען 'עַצְבוּת'! – בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס זִיךְ צוּ דֶערְפְרֵייעֶן! – וַוייל מִיט יֶעדֶע 'שִׂמְחָה' וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶערְפְרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְן, הָאט עֶר אִים גֶעטְרָאפְן דֶערִינֶען 'עַצְבוּת'!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ דֶערְפְרֵייעֶן, מִיט דִי 'שִׂמְחָה' פוּן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"! "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין גוֹי"! – אוּן דָאס אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה' וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר! – וַוייל מְ'קֶען דָאךְ נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן דִי צְווִישְׁנְשֵׁייד אוּן חִילּוּק! 'טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע־טוֹיזְנְטֶער צְווִישְׁנְשֵׁיידְן', וָואס אִיז פַארְהַאן צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ אִיד, פוּן דֶעם 'נִידְרִיגְסְטְן־פוּן־דִי־נִידְרִיגְסְטֶע' – צְווִישְׁן דִי שְׁלֶעכְטְס אוּן טוּמְאָה פוּן דִי 'גוֹיִם'!

אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט גֶעדֶענְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס חֲסָדִים אִיבֶּער אִים: "אַז עֶר הָאט אִים נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין גוֹי"! – דַארְף עֶר זִיכֶער זֵייעֶר פַארְגְרֶעסֶערְן זַיין 'שִׂמְחָה' דֶערְמִיט! – אוּן דָאס אִיז אַזַא סָארְט 'שִׂמְחָה', וָואס אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין 'עַצְבוּת'!

וַוייל מְמֵילָא וֶוען עֶר דֶערְפְרֵייט זִיךְ מִיט אַזַא סָארְט זַאךְ וָואס עֶר טוּט אַלֵיינְס, קֶען מֶען נָאךְ טְרֶעפְן דֶערוֹיף 'עַצְבוּת' אוֹיף יֶעדְן סָארְט 'שִׂמְחָה' – וַוייל אִין יֶעדְן זַאךְ וֶועט עֶר [דֶער 'בַּעַל־דָּבָר'] אִים טְרֶעפְן 'חֶסְרוֹנוֹת', כְּדֵי אִים נִישְׁט צוּצוּלָאזְן זִיךְ צוּ אוֹיפְהֵייבְן אוּן זִיךְ דֶערְפְרֵייעֶן!

אָבֶּער מִיט דֶעם זַאךְ פוּן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", וָואס דָאס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ דָאס גֶעמַאכְט, אַז עֶר הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין 'גוֹי' – וִויאַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ טְרֶעפְן אַ 'חִסָּרוֹן' אִינֶעם 'דָאזִיגְן סָארְט שִׂמְחָה', וִויבַּאלְד דָאס אִיז דָאךְ 'מַעֲשֵׂה הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' אַלֵיינְס! – וַוייל וִויאַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין [וָואס סְ'גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף אִים], אִיז דָאךְ אָבֶּער כָאטְשִׁיק פַארְהַאן אַ רִיזִיגְן צְווִישְׁנְשֵׁייד, צְווִישְׁן אִים אוּן דִי גוֹיִם, אָן קַיין שִׁיעוּר אוּן אָן קַיין שַׁאץ!

**[אוֹת ג]** אוּן דֶער 'אוֹיבְנְדֶערְמַאנְטֶער צַדִּיק' הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ דֶערְפְרֵייעֶן דֶערְמִיט [מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"]! – אוּן עֶר הָאט 'צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ', זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ צוּ דֶערְהֵייבְן! – אוּן יֶעדְן מָאל הָאט עֶר זִיךְ מֶער אוּן מֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְן אוּן דֶערְפְרֵייט! – בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא 'שְׁטַארְקֶע אוּן גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה'! אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ "דִי 'שִׂמְחָה' וָואס 'מֹשֶׁה רַבֵּינוּ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעהַאט, בְּשַׁעַת וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל צוּ בַּאקוּמֶען דִי 'לוּחוֹת'" [אָבוֹת־דְּרַבִּי־נָתָן פ"ב ה"ג]!

**און אַזוי אִינְצְווִישְׁן וָואס עֶר** [דֶער 'אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער צַדִיק'] **דֶערְהֵייבְּט זִיךְ און דֶערְפְרֵייט זִיךְ אַזוי – אִיז עֶר גֶעפְלוֹיגְן אִין דִי 'עוֹלָמוֹת', 'עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער מַייל'!** [דָאס הֵייסְט: עֶר אִיז גֶעפְלוֹיגְן בְּתוֹךְ דִי 'עוֹלָמוֹת', און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צו פְלִיעֶן פון דֶעם פְלַאץ אִין 'עוֹלָם־הָעֶלְיוֹן' וואו עֶר אִיז גֶעוָוארְן דָארְט פְרֵיילֶעךְ - זֶעה וַוייטֶער]!

**און אַזוי אִינְמִיטְן, קוּקְט עֶר זִיךְ אָן, און עֶר** [זֶעהְט: אַז עֶר] **אִיז זֵייעֶר וַוייט** [הֶעכֶער] **פון דֶעם פְלַאץ וואו עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר!**

**און עֶר הָאט גֶעהַאט 'גְרוֹיס צַעַר' – וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט: אַז עֶר וֶועט אַרַיינְפַאלְן צו עֶפֶּעס אַ אַנְדֶערְן פְלַאץ!** [וַוייל וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ דָאךְ גֶערוּקְט הֶעכֶער, אִיז אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרָאפְּפַאלְן פון זַיין עֲבוֹדָה - וֶועט עֶר דָאךְ אַרָאפְּפַאלְן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן פְלַאץ, לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט זִיךְ גֶערוּקְט אוֹיבְן - זֶעה בִּילְד וַוייטֶער] **– און סְ'וֶועט זַיין אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן וואוּנְדֶער** [וֶוען מְ'וֶועט אִים זֶעהְן אוֹיף אַ אַנְדֶערְן פְלַאץ פון פְרִיעֶר - און מְ'וֶועט זָאגְן]**: "אַז עֶר אִיז פְּלוּצְלִינְג נֶעלְם גֶעוָוארְן"** [פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן פְלַאץ]**! – און דֶער צַדִיק וִויל דָאךְ זַיין שְׁטֶענְדִיג "הַצְנֵעַ־לֶכֶת"** [מִיכָה ו, ח]**! "לֶעבְּן בַּאהַאלְטְן און בַּאשֵׁיידְן"!** [בְּמֵילָא וִויל עֶר נִישְׁט מְ'זָאל זֶעהְן: וִוי עֶר שְׁטֵייגְט און גֵייט הֶעכֶער]**!**

**[אוֹת ד] און דִי 'שִׂמְחָה' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין! וַוייל 'שִׂמְחָה' הָאט אַ 'גְרֶענִיץ', וואו עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן, און וואו עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ! – און וֶוען דִי 'שִׂמְחָה' הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צו עֶנְדִיגְן, הָאט זִיךְ דָאס גֶעעֶנְדִיגְט 'צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ' – און עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶערְנִידֶערְט** [פון דָארְט וואו עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן] **'צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ'!**

**און וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען** [אַרָאפְּגֶעפְלוֹיגְן] **און דֶערְנִידֶערְט גֶעוָוארְן, פוּנֶעם פְלַאץ וואו עֶר אִיז דָארְט אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן בְּשַׁעַת דִי** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע רִיזִיגֶע] **'שִׂמְחָה' – אִיז עֶר נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען צו זַיין עֶרְשְׁטְן פְלַאץ** [אִין 'עוֹלָם־הָעֶלְיוֹן'] **פון וואו עֶר אִיז פון דָארְט אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן** [זֶעה אוֹיבְן] – [דָאס הֵייסְט: אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפְלוֹיגְן צוּרִיק] **אוֹיפְן זֶעלְבְּן וֶועג־גַאנְג פון זַיין פְלִיעֶן** [אוֹיף אַרוֹיף]**! – נָאר עֶר אִיז גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען אוּנְטְן** [דָא אוֹיף דֶער 'דָאזִיגֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער־וֶועלְט']**, צוּם זֶעלְבְּן פְלַאץ פון וואו עֶר אִיז** [גֶעוֶוען פְרִיעֶר וֶוען עֶר אִיז] **אַרוֹיפְגֶעפְלוֹיגְן** [פַאר עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר פְרֵיילֶעךְ]**!**

**און דֶערְפַאר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס וואוּנְדֶער: אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט צוּרִיק אַרָאפְּגֶענִידֶערְט: וִוי עֶר אִיז צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען**

**צו זַיין 'עֶרְשְׁטְן** [זֶעלְבְּן] **פְּלַאץ'** [וואו עֶר אִיז גֶעוֶוען פַאר עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען]**?! – און פַארְשְׁטֵיי גוּט!** [זֶעה בִּילְד וַוייטֶער].

**בִּיז עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען** [צוּרִיק אָנְגֶעקוּמֶען] **צוּם זֶעלְבְּן פְּלַאץ וָואס עֶר אִיז קוֹדֶם דָארְט גֶעוֶוען** [בְּשַׁעַת עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּעַצְבוּת]**!**

**און עֶר קוּקְט זִיךְ אָן, און עֶר זֶעהְט: אַז עֶר אִיז מַמָשׁ אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואו עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעוֶוען! און אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט אַוֶועקְגֶערוּקְט פון זַיין פְּלַאץ! נָאר אֶפְשַׁר אַזוי־וִוי אַ 'הָאר', וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!**

**און דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן וואוּנְדֶער אִין צַדִיקְ'ס אוֹיגְן: "אַז עֶר אִיז דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעפְלוֹיגְן אִין דִי 'עוֹלָמוֹת', און 'דָא אוּנְטְן' הָאט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט"!**

**הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן: אַז סְ'אִיז אַזוי טַייעֶר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן, יֶעדְן קְלֵיינֶעם 'רִיר' און 'בֵּייג' וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רוּקְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ קְלֶענֶער פון אַ 'הָאר'! – אַז 'טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת און מַייל', זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְט** [הָאבְּן נִישְׁט אַזַא גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת] **קֶעגְן דֶעם!** [דָאס הֵייסְט: אַז דָא אוּנְטְן וֶוען מְ'רוּקְט זִיךְ אַ קְלֵיין פִּיצֶעלֶע, און מְ'קוּמְט נָאר אָן צו 'עֶפֶּעס אַ (קְלֵיינֶעם) קְדוּשָׁה', אֲפִילוּ נָאר 'אַזוי קְלֵיין וִוי אַ הָאר' - אִיז דָאס נָאךְ סַאךְ מֶער טֵייעֶרֶער, וִוי 'טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת' דָארְטְן אוֹיבְן אִין הִימְל (לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת, חוֹל־הַמּוֹעֵד ד, יג; רֵאשִׁית־הַגֵּז ד, א)].

**[אוֹת ה] און דָאס צו פַארְשְׁטֵיין** [דַארְף מֶען וִויסְן]**: אַז סְ'אִיז בַּאוואוּסְט: אַז דֶער דָאזִיגֶער 'גַשְׁמִיוּתְ'דִיגֶער וֶועלְט', אִיז נָאר אַ 'מִיטְל פּוּנְקְט' אִינְמִיטְן דִי 'גַלְגַלִים', וִוי סְ'אִיז עֶרְקְלֶערְט דוּרְךְ דִי 'בַּעֲלֵי־תְּכוּנָה'!** ['חָכְמַת אָסְטְרָאנָאמְיֶע', דִי גַאנְג פון דִי זוּן, לְבָנָה, און שְׁטֶערְנְס - זֶעה: 'רַמְבַּ"ם' הִלְכוֹת קִדּוּשׁ־הַחֹדֶשׁ; סֵפֶר־הַבְּרִית; סֵפֶר־הַתְּכוּנָה פון רַבִּי חַיִּים וִויטַאל]! **– און כָּל־שֶׁכֵּן קֶעגְן דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים', וֶוערְט דִי 'גַאנְצֶע וֶועלְט' זִיכֶער נִישְׁט בַּאטְרַאכְט, מֶער וִוי אַ 'פִּינְטֶעלֶע'!**

**און סְ'אִיז בַּאוואוּסְט: אַז אַלֶע 'שְׁטְרִיכְן' וָואס דוּ וֶועסְט צִיעֶן פוּנֶעם 'מִיטְל פּוּנְקְט' – זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט בַּיים 'פּוּנְקְט', אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן! און וִוי מֶער זֵיי דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ פוּנֶעם 'פּוּנְקְט', וֶוערְן זֵיי מֶער דֶערְוַוייטֶערְט אֵיינְס פוּנֶעם אַנְדֶערְן!**

**און אַזוי אוֹיךְ וֶוען דִי 'שְׁטְרִיכְן' דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ גָאר אַסַאךְ פוּנֶעם 'פּוּנְקְט', דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ דַאן אוֹיךְ דִי**



**'שְׁטְרִיכְן' אֵיינְס פוּנֶעם אַנְדֶערְן, גָאר שְׁטַארְק! כָאטְשׁ וָואס אוּנְטְן בַּיים 'פוּנְקְט' זֶענֶען זֵיי נָאנְט אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן! – אַזוֹי־וִוי עֶס צֵייגְט דָאס דָאזִיגְן בִּילְד ☜ :**

**קוּמְט אוֹיס: אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען: וִוי עֶס וֶוערְן גֶעצוֹיגְן 'שְׁטְרִיכְן' פוּן דֶעם 'אוּנְטֶערְשְׁטְן־וֶועלְט', אֲפִילוּ נָאר בִּיז דִי 'גַלְגַלִים' – קוּמְט דַאן אוֹיס: אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן זַיין פְּלַאץ, נָאר** [אַזוֹי וֶוינִיג] **וִוי אַ 'פָאדֶעם' – פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן: דָארְט אוֹיבְן בַּיי דִי 'גַלְגַלִים', וֶוערְט עֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם** [עֶרְשְׁטְן] **פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען פְרִיעֶר, קֶעגְנְאִיבֶּער זַיין קָאפּ – וֶוערְט עֶר יֶעצְט דֶערְוַוייטֶערְט 'עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער מַייל', לוֹיטְן שַׁאץ פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם 'אוֹיבֶּערְשְׁטְן גַלְגַל' קֶעגְנְאִיבֶּער דֶעם 'אוּנְטֶערְשְׁטְן וֶועלְט', וִוי בַּאוואוּסְט! – וַוייל סְ'אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעזֶעצְט** [אִינֶעם גַלְגַל]**, 'שְׁטֶערְנְס', גָאר אָן קַיין צָאל, אוּן יֶעדְן 'שְׁטֶערְן' אִיז בְּעֶרֶךְ אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דֶער 'דָאזִיגֶער וֶועלְט', אוּן נָאךְ גְרֶעסֶער!** [זֶעה נָאךְ אִין 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', עֵרוּבֵי־תְּחוּמִין ה, כ].

**[אוֹת ו] כָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען: וִוי דִי 'שְׁטְרִיכְן' וֶוערְן גֶעצוֹיגְן בִּיז דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים' – וָואס אַלֶע 'גַלְגַלִים', זֶענֶען גָארְנִישְׁט קֶעגְן זֵיי! – קוּמְט אוֹיס: אַז סְ'אִיז נִישְׁט דָא קַיין שַׁאץ צוּ דִי 'וַוייטְקֵייט'** [הֶעכֶערְקֵייט] **וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט** [הֶעכֶער גֶעוָוארְן] **דָארְט אִין דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים', דוּרְךְ אַ קְלֵיין פִּיצֶעלֶע 'וַוייטְקֵייט'** [הֶעכֶערְקֵייט]**, אֲפִילוּ בְּלוֹיז 'וֶוינִיגֶער וִוי אַ הָאר' וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט** [גֶערוּקְט הֶעכֶער] **אוּן אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן פְּלַאץ!**

**וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ דָא אִין דֶעם 'אוּנְטֶערְשְׁטְן וֶועלְט', הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט אוּן גֶעגַאנְגֶען** [הֶעכֶער]**, נָאר בְּלוֹיז 'וֶוינִיגֶער וִוי אַ הָאר'! – וָואס אִין זַיינֶע אוֹיגְן אִיז עֶר גָארְנִישְׁט וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען** [גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט הֶעכֶער]**! וַוייל דָאס קֶען דָאךְ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּשַׁאצְן! – מִיט דֶעם אַלֶעמֶען: דָארְטְן אִין דִי 'עוֹלָמוֹת־הָעֶלְיוֹנִים', אִיז עֶר דֶערְוַוייטֶערְט** [הֶעכֶער] **גֶעוָוארְן 'עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת אוּן מַייל'!**

**אוּן כָּל־שֶׁכֵּן וְכָל־שֶׁכֵּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט 'אֵיין מַייל' אָדֶער 'עֶטְלִיכֶע מַייל' אִין 'עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם'! דֶעמָאלְט אִיז: "עַיִן לֹא רָאֲתָה" וְכוּ'** [יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ] **"קַיין שׁוּם אוֹיג, חוּץ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס – קֶען נִישְׁט זֶעהְן דָאס גוּטְס וָואס עֶר וֶועט מַאכְן, פַאר דִי וָואס הָאפְן צוּ אִים"!** [יְשַׁעְיָה סד, ג]

*

(אִין 'חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן' סה, שְׁרַייבְּט רַבִּי נָתָן זַ"ל: **דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם צַדִּיק וָואס אִיז אֵיינְמָאל אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ 'גְרוֹיסְן עַצְבוּת'** וְכוּ', וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְן אִין 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' פוּנְקְט וִוי אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹיל – הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן 'אוּנְזֶערֶע־לַייט': **"אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם 'דָאזִיגְן מַעֲשֶׂה' פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹיל, אִין אַבִּיסְל אַ 'אַנְדֶערְן נוּסַח'"!** – אוּן אוֹיךְ אִינֶעם 'סִיפּוּר־הַמַּעֲשֶׂה' אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל אַ 'עֶנְדֶערוּנְג' וְכוּ'!

**אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה – וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי 'בַּעֲלֵי חֶשְׁבּוֹן־הַנֶּפֶשׁ', וָואס יֶעדְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ 'חֶשְׁבּוֹן־הַנֶּפֶשׁ': "צוּ עֶר הָאט דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, רִיכְטִיג גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת, לוֹיט זַיין שְׁטֵייגֶער שְׁטֶענְדִיג"! – אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט טוּהְן אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג! אוּן עֶר הָאט גֶעפוּנֶען: אַז עֶר הָאט נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען יְדֵי־חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵימוּת אִינֶעם דָאזִיגְן טָאג!**

**לְמָשָׁל: עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין אִין שְׁטוּבּ 'אַהִין אוּן אַהֶער', אַזוֹיפִיל מָאל וִויפִיל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיט זַיין 'הוֹיכְן הַשָּׂגָה'! – אוּן אִין יֶענֶעם טָאג אִיז עֶר נִישְׁט אַזוֹיפִיל אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ, וִוי עֶס פַּאסְט לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה!**

**אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען! – בִּיז סְ'אִיז אִים שׁוֹין נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּלֶעבְן! – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט בַּאשַׁאפְן קַיין גּוֹי"!**

[שְׁרַייבְּט רַבִּי נָתָן]: אוּן פוּן דֶעם וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין: דִי מַעְלָה אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם דָאזִיגְן צַדִּיק, וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז גֶעוֶוען – אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הוֹיכֶע עֲבוֹדָה מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען 'אַהִין אוּן אַהֶער' אִין שְׁטוּבּ! – אַז וֶוען עֶר הָאט נָאר אַבִּיסְל פַארְמִינֶערְט פוּן דֶעם דָאזִיגְן עֲבוֹדָה, לוֹיט זַיין דֵיעָה, הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְלֶעבְן מֶער – וֶוען נִישְׁט וָואס עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"!

זֶעה אוּן פַארְשְׁטֵיי אוּן קוּק: דִי 'עֲבוֹדָה פוּן דִי צַדִּיקִים', אוּן זֵייעֶר 'צַעַר', אוֹיף זֵייעֶר פַארְמִינֶערוּנְג אִין 'עֲבוֹדַת־הַשֵּׁם' – בִּיז וִוי וַוייט, בִּיז וִוי וַוייט, דָאס דֶערְלַאנְגְט! – אַשְׁרֵי לָהֶם! וואוֹיל אִיז צוּ זֵיי!).

(רַבִּי נָתָן זַ"ל שְׁרַייבְּט אִין 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת', פֶּסַח ט, טו: דֶער עִיקָר 'נְפִילָה' וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ, אִיז צוּלִיבּ 'גַדְלוּת' [גַאֲוָה] – אַז סְ'פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ טוּעֶן אַזַא 'עֲבוֹדָה' אוּן 'פְּלָאג', בְּשַׁעַת וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהְן! – אָבֶּער דֶער וָואס זוֹכְט דֶעם 'אֱמֶת', זָאגְט בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן: אַז צוּלִיבּ 'אֵיין פִּינְטֶעלֶע פוּן 'אֵיין אֵיינְצִיגְן גֶעטְלִיכְן־שַׁיין', אִיז וֶוערְד דָאס גַאנְצֶע פְּלָאג בְּכֶפֶל־כִּפְלַיִם! – אוּן אַזוֹי־וִוי דֶער צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ דֶערְפְרֵייט דוּרְךְ "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"!).

**[דִי אַנְדֶערֶע שִׂיחוֹת שֶׁאַחֲרֵי סִפּוּרֵי־הַמַּעֲשִׂיּוֹת – וֶועלְן מִיר בְּעֶזְרַת־הַשֵּׁם אִיבֶּערְטַייטְשְׁן אִין אַ אַנְדֶערְן גֶעלֶעגְנְהֵייט]**

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ___________________

טעלפון ___________________

שטאט ___________________

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די שיחות פון נאך סיפורי מעשיות - (2)

**א. וואס דערציילט אונז דער רבי? אז ס'איז געווען א צדיק וואס ס'איז געפאלן אויף אים?**
- ☐ עצבות - טרויער
- ☐ כבדות - שווערקייט
- ☐ עצבות וכבידות גדול - א גרויסע טרויער און שווערקייט

**ב. וואס האט אים דער בעל דבר געטראפן אין יעדע שמחה?**
- ☐ עצבות
- ☐ גאווה
- ☐ שקר

**ג. וואספארא שמחה האט ער ביים סוף געטראפן וואס איז נישט געלונגען פאר'ן בעל דבר עס צוצושטערן?**
- ☐ אז ער האט געטוהן א גרויסע מצווה
- ☐ אז ער האט געלערנט אסאך שעות
- ☐ אז דער בעשעפער האט אים נישט געמאכט א גוי – שלא עשני גוי

**ד. צו וועלכע שמחה איז דער צדיק אנגעקומען דורך דעם?**
- ☐ צו די שמחה פון א חתונה
- ☐ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ביי מתן תורה
- ☐ צו די שמחה וואס משה רבינו האט געהאט ווען ער האט מקבל געווען די לוחות

**ה. וואו ווייט איז דער צדיק געפלויגן אין די הויכע וועלטן בשעת ער איז געווען פרייליך?**
- ☐ ווי איין האר
- ☐ ער האט זיך בכלל נישט גערירט
- ☐ אפאר טויזענטער מייל

**ו. איז דער צדיק אראפ די זעלבע וועג וואו ער איז ארויף?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ז. צו וואו איז דער צדיק אנגעקומען ווען ער איז אראפ דא אויף דער וועלט?**
- ☐ פונקט צו די זעלבע פלאץ וואו ער איז פריער געווען
- ☐ מיט אפשר א האר געריקט פון דער פלאץ וואס ער איז פריער געווען
- ☐ אפאר טויזענט מייל ווייט פון וואו ער איז פריער געווען

**ח. וואס זאגט אונז דער רבי האט מען אים געוואוזן מיט דעם?**
- ☐ אז א צדיק קען אנקומען צו הויכע וועלטן
- ☐ אז עס איז זייער טייער יעדע ריר וואס א מענטש רירט זיך אויף דער וועלט פארן אויבערשטן
- ☐ עס איז זייער טייער דאס וואס דער צדיק גייט אין די הויכע וועלטן

**ט. ווער וואוינט אין די צוויי פאלאצן?**
- ☐ אין ביידע וואוינען קנעכט
- ☐ אין ביידע וואוינען קעניגן
- ☐ אין איינע וואוינט א קעניג אין איינע א קנעכט

**י. איז דא א חילוק צווישן די צוויי פאלאצן?**
- ☐ זיי זענען אויס די זעלבע
- ☐ באמת איז דא גרויסע חילוק צווישן זיי ביידע
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. דורך וועלכע מצווה זאגט אונז דא דער רבי, איז מען זוכה צו וויסן די חילוק צווישן זיי?**
- ☐ ציצית
- ☐ תפילין
- ☐ פדיון שבויים

**יב. וואספארא סגולה זאגט דער רבי אויף פאקין ר"ל?**
- ☐ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און דריי מאל אזויפיל זייף
- ☐ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט זייף און דריי מאל אזויפיל קרייד
- ☐ מ'מאכט א באד פאר די קינד מיט קרייד און צוויי מאל אזויפיל זייף

**יג. פון וואס איז געקומען די קרענק ביז א סכנה ר"ל?**
- ☐ פון נישט א קלארע לופט
- ☐ פון געוויסע עסן
- ☐ פון חטא העגל

**יד. וואס זענען די צעהן קאפיטלאך תהלים וואס ווערן אנגערופן תיקון הכללי?**
- ☐ ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.
- ☐ י"ג, ל"ב, מ"א, נ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.
- ☐ ט"ז, כ"ג, ל"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ.

**טו. פארוואס איז נישט גוט אראפגעשריבן די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט שבת חנוכה?**
- ☐ ווייל דער רבי האט עס דערציילט נאר מיט רמזים
- ☐ ווייל מ'האט עס נישט גלייך אראפגשריבן
- ☐ ווייל מ'האט עס לכתחלה נישט קלאר ארפגעשריבן

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די ביסל וואס עס שטייט יא אראפגעשריבן?**
- ☐ ווי שטארק מ'קען זיך מחיה זיין מיט א ספר (כתב פון מלך)
- ☐ ___________________

**ברוך הנותן ליעף כח ולאין אונים עצמה ירבה - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com